Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

**מענטָדער מא, 21.04.1929, page 9**

# בירור האמת

## פון די פוילישע רבנים און ירושלים וועגן כולל.

היות ס'האָט נאָך נישט אויפגעהערט
דער בלבול המוחות און די פערבלענדונג
בנוגע דעם סכסוך און דער הנהלה פון
כולל פוילען און ירושלים תו"ב, וועלכעס
איז פעהיג צו שאַדענען ח"ו די הכנסה
פון קופת רמבעה"נ, דעם יסוד פון ישוב
אין הייליגען לאַנד, געפינען מיר זיך פער=
פליכטעט בעקאַנט צו מאַכען דער אמת'ן
מצב, וואָס הערשט בעה"ק ירושלים תו"ב.

דער ירושלים'ער קהל איז נישט מס=
כים מיט דער מחלוקה און פראָפּאַגאַנדע,
וואָס עס פיהרען עטליכע מענשען אויף א
העסליכען אופן דורך פאַמפלעטען, לי=
גענס און פאַלשע בלבולים.. דאָס איז
קלאָר און דייטליך אַרויסגעוויזען ביים
אַביסטימונג, וואָס איז געוואָרען אַדורכ=
געפיהרט פאַר 2 הדשים צוריק, ווען הע=
כער ניינציג פראצענט בני הכולל האָ=
בען גוטוויליג אונטערגעשריבען, אַז זיי
ווילען געהערען נור דעם כולל, וואס
שטעהט אונטערן וואַרשאווער נשי=
אות און אַז אויסשליסלַיך די נשיאים
שליט"א און זייערע ירושלים'ער פער=
טרעטער האבען דאס רעכט צוווירט=
שאַפטען איבער אלעם, וואס אנבע=
לאַנגט דעם כולל. און האַבען אוים=
דריקליך פערבאטען יעדען אַנדערן
מענש צו טהוען וועלכעס ס'איז אין
כולל ענינים. די בני=הכולל האָבען נישט
געקוקט אויף די דראָהונגען פון די מח=
לוקה=פיהרער און נישט אויף זייערע הב=
טחות צו געבען גרעסערע שטיצע דעם,
וואָס וועט נישט דעקלאַרירען, ווייל זיי זע=
נען שוין איבערצייגט, אַז נור דורך דער
איצטיגער הנהלה, די פ"כ הנשיאות,
הערען די געלדער ריכטיג און עהר=
ליך פערטיילט אין פולער אָרדנונג.

מיר בעטען, אַלזאָ, מאת אחינו הנדי=
בים הי"ו, וואָס צדקת רמבעה"נ איז היי=
ליג און טייער, אַז זיי זאָלען נישט האָר=
כען צו די רייד פון די מחלוקה=פיהרער
און נישט גלויבען זייערע ליגענס און זאָ=
לען מיט אַבשוי אָוועקוואַרפען זייערע
פאַמפלעטען. בעזונדערס בעטען מיר

מאת כ"ק האדמו"רי"ם שליט"א ומאת
כ"ת הרבנים הגבאים און דאָזאַרעס אין
יעדער שטאָדט, אַז זיי זאלען נישט דער
לאזען אנצוכאַכען שנאה און מחלוקת
און זיי זאָלען זיך בעמיהען איינצושטי=
לען דעם דאָזיגען סקאַנדאַל, וואָס איז
מחלל דעם כבוד הגאונים והקדושים
שליט"א און דעם כבוד אַד"ה"ק און יע=
דער רב שליט"א זאָל מעורר זיין צו
שפענדען למובת קופת רמבעה"נ, וועלכע
שטיצט מויזענדער אונגליקליכע אונזערע
לאַנדסלייט. און זיי זאלען שיקען זייע=
רע נדבות ווי פריהער נור צום וואַר=
שאווער נשיאות.

וזכות הצדקה הקדושה הזאת וזכות ר'
מאיר בעל הנס יעמוד להם ולזרעם ויתֿ
ברכו בכל משאלות לבם לטובה ויזכו
לראות בנחמת ציון וירושלים ובבנין בית
מקדשינו ותפארתנו בבוא לציון גואל
בב"א.

עה"ק ירושלים תו"ב יום י"ט לחדש
אדר שני, תרפ"ט.

מנחם נתן אויערבאַך
בעהמ"ם „אורח נאמן" דומ"צ בתוככי
עה"ק ירושלים ת"ו.

אלימלך הכהן רובינשטיין
הרב מראהוב כעת בירושלים תובב"א.

יהושע אַלטער ווילדמאַן
בעמח"ם „עמק יהושיע", „בנין יהושע"
„ברכת יהושע", „ואמרו אמן", אבד"ק
קאָנסקיוואָליא וכעת הופ"ק ירושלים
תובב"א.

יהודה נח בראווער
הרב מפרנוב וכעת בירושלים ת"ו

יהודה ירוחם פישל פערלא
מחבר ספר „המצות לרבינו סעדי' גאון
מוואַרשאַ כעת בעה"ק ירושלים תובב"א.

שאול משה זילבערמאַן
רב מוויערשוב וראב"ד בלודז.

ארי' מרדכי רבינוביץ
מלפנים האבד"ד קוסוב, קאָרוב פולין ורב
ואב"ד בני=ברק א"י וכעת רב ודומ"ץ
בעיה"ק ירושלים תובב"א.